בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | וירא | י"ב חשון | תשע"ב | פסחים: ק"ז.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכמיטאג איז הגה"צ אבד"ק דקהלתינו לאנדאן שליט"א – וועלכער איז אצינד צוגאסט אין ניו יארק צו משפחה שמחות – אריין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א.

בעת דער רבי שליט"א האט אויפגענומען אנ"ש בפו"פ, איז האדמו"ר מ'סטראפקוב שליט"א פון ארה"ק וועלכער ווילט אצינד אין ניו יארק לרגל די חתונה פון אן אייניקל, געקומען אויף א באזוך צום רבי'ן שליט"א ווי עס איז אנטוויקעלט געווארן א שיינער שמועס בדברי תורה און נאך.

אויך איז האדמו"ר מ'גארליץ שליט"א פון בארא פארק אריין אל הקודש פנימה לקראת נישואי בתו תחי' וועלכע'ס קומט אי"ה פאהר די קומענדיגע וואך.

שפעטער אויפדערנאכט נאכ'ן ענדיגן אויפנעמען אנ"ש זענען די הנהלת המוסדות פון וויליאמסבורג אריין אל הקודש פנימה אינאיינעם מיט די עסקני הדינער פון היי יאהר וועלכע גייען שוין ארום אין די טעג אויפארבעטן די נדבות ביים עולם ווי דער רבי שליט"א האט מאציל געווען ברכת קדשו פאר'ן העלפן די הייליגע מוסדות און דערביי האט זיי דער רבי שליט"א געגעבן "הצלחה געלט" בברכת הצלחה וסייעתא דשמיא.

דערנאך האט דער רבי שליט"א פאררופן אן אסיפה מיט די עסקני וועד ביהמ"ד החדש דקהלתינו הק' אויף ספענסער סט. אין ניי-וויליאמסבורג געגנט בנוגע די פלענער פונעם עפענונג פונעם נייעם ביהמ"ד לתועלת תושבי השכונה און ארום.

❧•☙

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר יעקב סאאל הי"ו שו"ב דקהלתינו פון קרית יואל. ביים דאווענען איז אנוועזנד געווען הגה"צ אבד"ק לאנדאן שליט"א וועלכער האט אויפגעטרעטן מיט א דרשה פאר די תלמידי הישיבה נאכ'ן דאווענען.

נאכ'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געגאנגען צום ביהמ"ד הלכה ברורה ווי עס זענען פאהרגעקומען די ברית'ן לבן הנולד לר' יונתן בנימין קטינא הי"ו פון קרית יואל, און לבן הנולד לר' ישעי' באש הי"ו פון קרית יואל – חתני רב הביהמ"ד הרה"ג ר' יעקב

אלעזר מענדלאוויטש שליט"א בן הרה"ח ר' יושע שליט"א משב"ק, ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

•

## הגה"צ אבד"ק דקהלתינו לאנדאן שליט"א באזוכט אין ישיבה גדולה – שיעור ד'

היינט פארמיטאג האט הגה"צ רב דקהלתינו לאנדאן שליט"א אפגעשטאהט א באזוך אין היכל הישיבה גדולה – שיעור ד' ווי דער רב שליט"א האט אויפגעטרעטן מיט א דרשת התחזקות פאר די בחורי הישיבה.

•

## הכנות צום גרויסן מעמד הכנסת ספר תורה לע"נ מרן רביה"ק זי"ע קומענדיגן מוצש"ק פ' תולדות הבעל"ט

עס איז היינט געמאלדן געווארן מטעם וועד כתיבת ספר תורה שע"י קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג אז אי"ה דעם קומענדיגן מושצ"ק פ' תולדות הבעל"ט וועט אי"ה פאהרקומען דער גרויסארטיגער מעמד הכנסת ספר תורה צו די ספר תורה וואס איז געשריבן געווארן דורך בני קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג לע"נ אבינו רועינו מרן רביה"ק זי"ע בעל ברך משה, בראשות בנו וממלא מקומו מרן רבינו שליט"א.

***-פרטים יבואו-***

•

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**